UCLA
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

**Title**
Aren Fakhts “Tsvey Shtiber” / Aaron Facht’s “Two Homes”

**Permalink**
https://escholarship.org/uc/item/9sp2712d

**Journal**
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 92(1)

**Author**
Zalman Shlosser, Zalmen Shloser /

**Publication Date**
1978-10-01

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

די זאָרג פון אַ געטרייען דאָקטער ניט צו לאָזן די קינדער אַליין מיט די נאַצי־מערדער. ס'איז אַ שטימונג פון באַוווסטזיניקער אַבסאָלוטער מאַכטלאָזיקייט אין אַנגעזיכט פון אַ פריוויליקער פאַראַנטוואָרטלעכקייט מצד דעם דאָקטער קאָרטשאַק פאַר די איבער צוויי הונדערט קינדער פון זיין יתומים־הויז זיי צו באַשיצן און פאַרהיטן פון די אומפאַרמיידלעכע שרעק־קראַמפן ווען דער דערוואַרטעטער שטורעם וועט זיך אַראָפּלאָזן אויף זייער נעסט. ס'איז אַ געראַנגל צווישן זיין עטישן געוויסן צו שיצן די שוואַכע, די הילפלאָזע פאַריתומטע קינדער און דעם באַוווסטזיין פון דער אייגענער מאַכטלאָזיקייט. דער ווילן איז דאָ, נאָר דער כוח פעלט. דאָס איז דער קריטישער פונקט וואָס טיילט אָפּ דעם מענטש פון דער חיה. דאָס איז די צעשיידונג ליניע צווישן מענטשלעכע דערנידערונג און די העכסטע מענטשלעכע דערהייבונג:

> „דו שרייסט צו דער וועלט און די וועלט איז טויב. אַ גאַנץ לעבן זיך גענאַרט, איינגערעדט זיך... אייביקע מענטשלעכע ווערטן, הייליקייטן... האָסט באַנקראָטירט, וועלט! נאָר די קינדער וועל איך ניט צולייגן, וועלט, צו דיין באַנקראָט. איך וועל זיי נישט אָפּגעבן אויף זייער שוואַרצן מזבח, כאָטש איך הייס יעדן אָוונט זיי אַרומוואַשן, זיי זאָלן צו דער עקדה גיין זויבערע."

ניין, דר. יאַנוש קאָרטשאַק האָט די קינדער אויף קיין איין מאָמענט נישט געלאָזט אַליין. ער איז, צו דער שטויבונג פון די נאַצי מערדער, אומגעקומען אַ ריינער, אַ זויבערער, צוזאַמען מיט די קינדער און געראַטעוועט דעם נאָמען מענטש און ייד אין אַ באַנקראָטירטער וועלט.

אין דעם בוך „פון ווייט און פון נאָענט" איז אָט די דראַמאַטיזירטע דערציילונג די לעצטע צווישן זיבעצן באַזונדערע דערציילונגען און טעמאַטיש אויך די נאָענטסטע. ס'איז אָבער דאָ נאָך אַ דערציילונג, די סאַמע ערשטע, וואָס איז היסטאָריש גאָר ווייט אין צייט, אַן ערך דריי יאָר־הונדערטער. פון דעסטוועגן האָט עס אויך אַ געוויסע טעמאַטישע נאָענטקייט צום אינהאַלט פון גאַנצן בוך. דאָס איז אַ לענגערע דערציילונג: „דער אונטערגעהאַקטער דעמב", וואָס שילדערט די צייט נאָך דער שפּאַנישער און דער פּאָרטוגעזישער אינקוויזיציעס; די פאַרפאָלגונגען פון די אַנדערש־גלויביקע, די מאַראַנען און זייערע קינדער; דער קאַמף צווישן ראַציאָנאַליזם און טראַדיציע, צווישן דעם „רייבעם" גלויבן פון תנ"ך — וואָס האָט שטענדיק געלאָקערט די פרייע גייסטער און טרוימער — און דעם אָנגעוואַקסענעם ריטואַל פון דער תורה שבבעל־פה, וואָס טייל האָבן געהאַלטן, אַז ס'איז אַן איבעריקע לאַסט.

ס'איז אַ שטאַרק צוזאַמענגעפּרעסטע דראַמאַטישע דערציילונג, וואָס קען קלעקן פאַר אַ לאַנגער נאָוועלע אָדער דראַמע. מען דערקענט אַז לילי בערגער איז גוט באַהאַוונט אין דער היסטאָרישער פאָרשונג פון יענער צייט און פאַרשטייט גוט דעם פּסיכאָלאָגישן הינטערגרונט פון יענער צייט, איבערהויפּט פון אוריאל אַקאָסטאַ, דעם העלד פון דער דערציילונג.

הגם ס'איז ניט קיין ביאָגראַפיע נאָר אַ פרייע קינסטלערישע שאַפונג, איז גוט וואָס לילי בערגער האַלט זיך נאָענט צום ביאָגראַפישן מאַטעריאַל און מיידט אויס ווי ווייט מעגלעך אַריינצומישן היינטצייטיקע שטימונגען און אידעען וועגן דעם שטענדיקן שטרייט צווישן ראַציאָנאַליזם און טראַדיציע, שכל און גלויבן — אַחוץ אין איין אָרט, אין די רייד פון פּראָפעסאָר דאַ לונסאַ, ווו עס הערט זיך אַן אָפּקלאַנג פון דער איצטיקער מדינת ישראל וועגן אומה און אמונה, אַז די צוויי באַגריפן גייען צוזאַמען און זיינען איינס. אָבער אין אַלגעמיין שילדערט זי בלויז די יחידיש אינערלעכע ראַנגלענישן פונעם פרייען קריטישן פאָרשער אוריאל אַקאָסטאַ, וועלכער איז געבוירן געוואָרן און דערצויגן אינעם קאַטוילישן גלויבן פון געשמדטע עלטערן און האָט ניט געקענט שלום מאַכן מיט די איבערנאַטירלעכע דאָגמעס פון דער קירך. שפּעטער, נאָכן מגייר זיין זיך, האָט ער אויך ניט געקענט פאַרטראָגן די דאָגמעס און שווערע הלכות, וואָס די רבנים האָבן צוליב קיום האומה

אַרויפגעוואונגען אויפן יידישן לעבן. ער איז אָבער געווען פאַרליבט אין תנ"ך, אין די רייד פון די נביאים און אין יידישן פאָלק, ווי ער האָט זיך דאָס פאָרגעשטעלט לויטן תנ"ך. ער האָט געוואָלט לעבן ווי אַ ייד אָן דעם ריטואַל, אָן די הלכות פון די רבנים.

דאָ ליגט דער שווערפונקט פונעם שטרייט — צי קען יעדער יחיד זיך מאַכן זיינע אייגענע געבאָטן וועגן טראַדיציע און נאַציאָנאַלן גלויבן און דערביי ניט אונטערגראָבן דעם קיום האומה?

אין „דער אונטערגעהאַקטער דעמב" זען מיר ווי אוריאל אקאָסטא קומט כסדר אין קאָנפליקט מיט דער אַמסטערדאַמער יידישער געמיינדע, פאַרלירט און מוז זיך אונטערוואַרפן אירע געבאָטן, וואָס האָבן אים, ווי אַ פרייען קריטישן מענטש, דער־נידעריקט און דערדריקט. ער איז גע־בליבן ווי מיט אָפּגעהאַקטע פליגל!.

ביים פאַרענדיקן לייענען די דערציילונג האָב איך פרייער אָפּגעאָטעמט. סוף כל סוף איז דער העלד, נאָך די אַלע חרמס און פאַרפאָלגונגען, ניט געוואָרן קיין שונא ישראל — ווי ס'איז שפּעטער געוואָרן זיין כמעט מיטצייטלער און נאָכפאָלגער, דער גרויסער שפּינאָזאַ... שוין בעסער זעלבסטמאָרד איידער לעבן מיט אַ האַס קעגן אייגענעם פאָלק. אוריאל האָט זיין פאָלק ליב געהאַט, געוואָלט דורכויס לעבן מיט יידן, ער האָט זיי אָבער גאָר ווייניק פאַרשטאַנען.

איז גוט וואָס לילי בערגער, אַליין אַ קריטיש פאָרשערישער גייסט, האָט דעם מיספאַרשטאַנענעם מאַרטירער אַריינגע־נומען אין איר באַנד דערציילונגען; אָפּ־געווישט דעם אָנגעקליבענעם שטויב און אים דערנענטערט צו אונדז. יאָ, מיר דערקענען אים — אַ פאַרעקשנטער קעמ־פער פאַרן אמת און פרייען געדאַנק, אַ צוריקגעקומענער, אייגענער ברודער־מאַרטירער. דאָס ווייטע און דאָס נאָענטע קומען זיך צונויף און שאַפן אויף אַ קינסט־לערישן אופן דאָס אייביקע פון אונדזער יידישער געשיכטע.

ס'איז אַ בוך פון זיבעצן אינטערעסאַנטע דערציילונגען, וואָס מען דאַרף לייענען.

## „צוויי שטיבער", ראָמאַן פון אהרן פאַכט, ניו־יאָרק, 1977

פון זיין ערשטן בוך „צוויי שטיבער" קען מען דערקענען, אַז אהרן פאַכט, דער אויטאָר, פאַרמאָגט אַ ראַפינירטן חוש פאַר דער פאָלקס־שפּראַך און דעם נייטיקן חוש אויפצוכאַפּן דאָס אויבנאויפיקע און אָפט אויך דאָס אינערלעכע, דאָס פאַר־באָרגענע, וואָס פאָדערט מער טאַלאַנט ווי וויסן, צו שילדערן אַזוי אַז מען זאָל זען דאָס וואָס וואַרפט זיך אין די אויגן. אַז „ר' דוד איז געווען אַ דאַר יידל מיט רויטע קראַנקע אויגן, באַברילטע מיט טונקעלע גלעזער" איז אפשר גענוג אַ פאָטאָגראַפישער אַפּאַראַט. נאָר צו שיל־דערן דאָס אינערלעכע, דאָס פסיכאָלאָגי־שע פון דעם מענטש, ר' דוד, וועט קיין פאָטאָגראַפיע מסתמא ניט העלפן. דאָ מוז מען שוין פאַרשטיין פאַרוואָס מען האָט דעם זעלבן ר' דוד אויך גערופן „קורח", און פאַרוואָס ער פלעגט דאַווענען מיט „פייער און געשריי".

גלייך ביים אָנהייב ווערט קענטיק אַז דער שרייבער פון די „צוויי שטיבער" איז איינגעהאַלטן אין זיין באַרעדעוודי־קייט, ער צעגיסט זיך ניט מיט ניין מאָס רייד. זיין זאַץ איז קורץ, קערנדיק און אידיאָמאַטיש, וואָס גיט צו אַ ספּעציפישן טעם זיין פּראָזע. עס לייענט זיך לייכט און עס לאָזט זיך אָנהאַלטן דעם אינטערעס אין דער דערציילונג. דאָס איז באַזונדער וויכטיק פאַר אַזאַ איבערגעלאָדענער און שוין פיל מאָל איבערגעחזרטער טעמאַ־טיק ווי אונדזער אַלט יידיש שטעטל, ווו נאָסטאַלגיע און סענטימענטאַליזם יאָגן זיך צו באַהערשן דעם שרייבער... מחמת אויב ניט דער נאָסטאַלגישער שטויס צו־ריק צו דער אייגענער קינדהייט בלייבט זייער ווייניק אָריגינעלעס צו דערציילן. און וואָס עס ווערט דערציילט קלינגט טייל מאָל באַיזו, ווייט, אַזש צו שטוינען.

ס'איז שווער אין דער היינטיקער צייט צו זאָגן עפּעס וואָס זאָל זיין ניי, וואָגיק און אינטערעסאַנט אין אַ ראָמאַן וועגן אונדזער אַלטער שטעטל־וועלט. דאָס לעבן פון שטעטל איז פאַרשניטן געוואָרן, און יענער אַלטער ראָמאַן פון אַמאָל איז

שוין לאַנג באַשריבן געוואָרן אויף אַלע אופנים. ס'איז דאַכט זיך געבליבן זייער ווייניק צוצוגעבן. דאָך שטייען אויף פון צייט צו צייט יונגע לייט וואָס טראָגן נאָך אין זיך די נאָסטאַלגיע און פּרובירן קינסטלעריש צו רעסטאַווירן יענעם פאַרשניטענעם לעבן. נאָר מיט נאָסטאַלגיע אַליין קען מען ווייניק דערגרייכן און נאָך ווייניקער מיט סענטימענטאַליזם, וואָס איז אין עצם פאַלש.

אין תוך האָט דאָס לעבן פאַרשיידענע פּנימער. די קוואַלן פון פרייד און טרויער, פון ליבע און האַס, פון גוטס און שלעכטס זיינען בדרך כלל אומעטום גלייך. און עס איז גראָד אָט די פאַרשיידנקייט פון דער איבערלעבונג וואָס מאַכט ליטעראַטור אינטערעסאַנט און וויכטיק, און גרענעצט אָפּ איין שרייבער פון דעם אַנדערן, אָפּגעזען פון דער טעמאַטיק.

טייל פאָרשערס פון אונדזער פאַרגאַנגענהייט האַלטן אַז אַלץ וואָס איז דאָ אין אונדזער היינטיק יידיש לעבן שטאַמט אין גרעסטן טייל פון שטעטל: די ליטעראַטור, די פּאָליטיק, דער דראַנג צו עקאָנאָמישער שטייגונג, דער אויפבלי פון מדינת ישראל — אַלץ שטאַמט פון דאָרט, פון יענער אָנגעזאַמלטער דרותדיקער פאָלקס־ענערגיע, וואָס האָט יאָרן און יאָרן געזוכט אַן אויסוועג און על פּי נויט זיך צעשפּרייט איבער דערוועלט און באַוויזן וואונדער.

מען קען ניט זאָגן אַז נאָר דאָס איז דער אינהאַלט פון אונדזער שטעטל־ליטעראַטור. ניין, עס זיינען דאָ אויך אַ סך אַנדערע מאָטיוון פון לעבן, וואָרעם דאָס לעבן אין שטעטל האָט זיך געהאַלטן אין איין ענדערן, טאַקע לאַנגזאַם, נאָר דאָך זיך געענדערט. שוין מענדעלעס קאַבצאַנסק, טונעיאַדעווקע און גלופּסק זיינען אַנדערש פון יואל לינעצקיס שטעטל. אויך ווייסנבערגס שטעטל און די תושבים וואָס ער מאָלט זיינען אין גאַנצן אַנדערש ווי שלום אַשס שטעטל. ווייסנבערג גיט אונדז פּרימיטיווע געזונטע פאָלקס־יידן מיט פאַרגרעבטע מוחות, שטאַרקע ליידנשאַפטן און לעבנס־געפילן, אָבער דאָך מיט גאַנצע נשמות, בשעת שלום אַש הילט איין דאָס איינגעפונדעוועטע יידיש לעבן פון שטעטל אין אַ צאַרטן יום־טובדיקן שלייער. מענדעלע לאַכט אויס מיט אַ ביטער געלעכטער די אומגעלומפּטערטע דאָן קיכאָטן, וואָס לאָזן זיך אין דער וועלט אַריין אָן אַ וועג און אָן אַ ציל, מיט פּוסטע פאַנטאַזיעס, ווען אַש ראָמאַנטיזירט און גלאָריפיצירט דאָס דאָרטיקע לעבן, צי דאָס איז אין גאַמבין אָדער אין גלופּסק. און שפּעטער, האַרט פאַר דער ערשטער וועלט מלחמה, קומט דוד בערגלסאָן מיט זיין וואונדערלעכן סטיל און טיף־פּסיכאָלאָגישן אַריינבליק און זאָגט אונדז אָן אַז שוין, ס'איז שוין „נאָך אַלעמען" אין שטעטל. קורץ, דאָס שטעטל איז ניט געשטאַנען אויף אַן אָרט, האָט זיך ניט געלאָזט פאַרגליווערט ווערן.

היינט, פינף און דרייסיק יאָר נאָכן חורבן, ווען דאָס „יידישע" שטעטל איז שוין מער ניטאָ אפילו אויף דער מאַפּע, קען מען דאָס מער ניט שילדערן ווי אַמאָל. היינט שרייבט מען יזכור־ביכער. היינט שטעלט מען מאָנומענטן, וואָס זיינען אין דער בחינה פון הייליקייטן.

די קינסטלערישע יצירה איז אָבער אַ פרייע און במילא איז הייליקייט ניט אין איר קאַטעגאָריע. פון דעסטוועגן זיינען טייל יידישע שרייבערס וואָס באַרירן די שטעטל־טעמאַטיק זייער אָפּגעהיט ניט צו פאַרשוועכן אויף וועלכן ס'איז אופן דעם אָנדענק פון יענע דורות. זיי באַמיען זיך ווי ווייט מעגלעך אויסצומיידן די נעגאַטיווע מאָמענטן. למשל: אין זיין שילדערונג פון יידישן לעבן בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה דערמאָנט ער בלויז די געפאַלנקייט פון דער מאָראַל בשייכות מיט דעם שמוקל־האַנדל אין שטעטל אונטער דער דייטשישער אָקופּאַציע — אַן ענין וואָס אַנדערע (וואַרשאַווסקי און האָראָנטשיק) האָבן דאָס אויפגעבלאָזן אָן פּראָפּאָרציע. דאַקעגן דער פענאָמען פון ביבליאָטעקן, פאָרלעזונגען, פאַרוויילונגען און דיסקוסיעס, וואָס האָט זיך באַוויזן צום ערשטן מאָל אונטער דער דייטשישער אָקופּאַציע פאַרנעמט אַ גרויס אָרט אין זיין ראָמאַן מחמת ס'איז טאַקע געווען אַ פּאָזיטיווע דערשיינונג. ער פאַרצייכנט אפילו אַ קאָמישן עפּיזאָד וועגן אַ שידוך וואָס דער חתן האָט אָפּגעלאָזט ווען ער האָט אויסגעפונען אַז די כלה איז ניט

פאַרשריבן אין ביבליאָטעק און איז דעריבער ניט קיין „באַלעזונגע״...

אויפן שער־בלאַט פון „צוויי שטיבער״ לייענען מיר דריי ווערטער: ראָמאַן, ניו־יאָרק, און 1977. פון דעם פאַרשטייען מיר אַז עס איז געדרוקט אין ניו־יאָרק און אין דער איצטיקער צייט. נאָר וווּ און ווען עס איז געשריבן געוואָרן איז ניט קלאָר. קלאָר איז בלויז אַז דער ראָמאַן שפּילט זיך אָפּ צווישןביידע וועלט־מלחמות. עס הייבט זיך אָן ערב דער ערשטער וועלט־מלחמה און ענדיקט זיך פאַר דעם היטלער־חורבן. דאַרף מען אָננעמען אַז געשריבן געוואָרן איז דאָס נאָכן חורבן און מסתמא דאָ ביי אונדז אין אַמעריקע. זאָל מיר דערלויבט זיין צו זאָגן מיט פולן דרך ארץ, אַז מען וואָלט דעריבער געמעגט דערוואַרטן אַ טיפערן אַרייַנבליק אין דאָרטיקן אינערלעכן לעבן. וואָרעם די צייט און די אומגעוויינטלעכע דערפאַרונגען האָבן דאָך געמוזט דורכזיפּן די אייגענע זכרונות, באַפרייען זיי פון דער קינדישער נאַיוויטעט און זיי שטעלן אין אַן אַנדער ליכט. פאַקט באַגרענעצט זיך אַליין, רעדוצירט די שילדערונגען צו אַ מינימום, באַזייטיקט ניט דעם כלומרשט נאַיוון בליק און נעמט זיך איבער און שפּילט זיך עטלעכע מאָל מיט דער רעטעניש און וווּנדערלעכער פילאָסאָפיע פון יוגנט און ליבע:

„חוה האָט נאָכגעטראַכט, אַ מאָדנע זאַך מיט דער ליבע — דו ליבסט יענעם און יענער ליבט אַן אַנדערער און די אַנדערע ליבט ווידער אַן אַנדערן.״

געוויס, דאָס איז אַ ראָמאַנטישער זאָג מלא חן, וואָס געהערט צו די טיפערע אַרייַנבליקן אין די רעטענישן פון יוגנטלעכן לעבן. אַפּנים אַז אהרן פאַקט פאַרשטייט און האָט ליב אָט די פּשוטע יוגנטלעכע חוזוהס און קען טייל מאָל אַ בליץ טאָן מיט אַ זייטיקן זאָג, וואָס באַחנט און באַשטראַלט זייער אומשולד. ער קען אויך אַזוי זייטיק געבן אַ משל אָפּ אַ נאַטורבילד, אַ פרילינג־פּייזאַזש, וואָס לעבט אויף פאַר אונדזערע אויגן מיט בלויז עטלעכע ווערטער:

„דער פרילינג האָט זיך צעשפּילט, דאָס גרינס אַרום שטעטל איז אויפגעגאַנגען ווי פון אַ באַהעלטעניש... דער טייך איז איצט אין זיין פולער ברייט און מער ענערגיש אין זיין שטראָם, און אַז ער ווערט אַ ביסל מיד, רינצלט ער זיך ווי ער וואָלט געוואָלט איינשרומפּן.״

בילדלעך און גוטמוטיק איז אויך זיין שילדערונג פון אָרעמקייט אין שטעטל:

„און קינדער זאָלן געזונט זיין, זייַנען פרעסערס. מוז מען טאַקע אַכטונג געבן, טיילט מען דאָס [עסן] אויס און דאָס איבעריקע לייגט מען אַרויף אויפן אויוון, די קינדער זאָלן נישט קענען צוקומען... שטייען די קינדערלעך אַרום מיט די אויגעלעך אין דער הייך און פּאַטשן מיט די הענטעלעך און זינגען... ביז איינס צעוויינט זיך: איך וויל עסן, זינגט עס מיט טרערן... כאַפּט הערש לייב דער שוסטער די פּאַציאַנגע פון זיין פוס און סטראַשעט די קינדער — איר קריגט באַלד אַ ריס איבערן הינטן. און די קינדערלעך ווערן באַלד שטיל.״

דאָס איז גוטע פּראָזע. נאָר דער אופן ווי דער ראָמאַן פאַרענדיקט זיך — די מעשה מיטן גוטן ייִד פון אַמעריקע, וואָס לייזט אַלע שטעטלשע פּראָבלעמען מיט זיין שיינער מידה פון צדקה מעג זיך זיין אַן אמתע — איז דאַכט זיך מיר עטוואָס אין דיסהאַרמאָניע מיטן רעאַליסטישן פּאַרמעסט פונעם מחבר צו שילדערן דאָס שטעטל ווי ער געדענקט עס. עס קען זיין אַז אָביעקטיוו, געקוקט פון אַ זייט, לאחר המעשה, שוין דאָ אין אַמעריקע, האָט בלויז אַ נס געקענט ראַטעווען די דאָרטיקע ייִדן פון דעם אָנקומענדיקן חורבן וואָס זיי האָבן פאַר אַ לאַנגער צייט געפילט אין זייערע ביינער. און אָט דער לאַנדסמאַן פון אַמעריקע, איז, הייסט עס, דער גרויסער נס.

יאָ, אויב מען וויל אָננעמען אַ מיסטישן טאָן און נאָכפאָלגן דעם לאַנגן שאָטן וואָס דער באַגריף אָדער דאָס וואָרט אַמעריקע וואַרפט אויף דער וועלט ווי די איינציקע רעטונג — און אַמעריקע איז טאַקע אַלע מאָל געווען פאַר אונדז דער סימבאָל פון רעטונג — דאַן איז אַלץ ווי עס באַדאַרף צו זיין. און דער ייִד פון אַמעריקע איז — O.K.